


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### די פארבינדונג פונעם יום המיתה מיט דאס אויפהערן זען • יצחק אבינו בעט דעם באשעפער זאל געבן יסורים • עטליכע סיבות פארוואס יצחק איז געווארן בלינד

**וַיְהִי כִּי זָקֵן יִצְחָק וַתִּכְהֶיןָ עֵינָיו מֵרְאֹת וַיִּקְרָא אֶת עֵשָׂו בְּנוֹ הַגָּדֹל וַיֹּאמֶר אֵלָיו בְּנִי וַיֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּנִי. וַיֹּאמֶר הִנֵּה נָא זָקַנְתִּי לֹא יָדַעְתִּי יוֹם מוֹתִי (כז, א-ב):** פון די ווערטער אין פסוק זעט זיך אויס, אז נאר נאכדעם וואס יצחק אבינו איז אלט געווארן, און **'ותכהין עיניו מראת'** ער האט מער נישט געקענט זען מיט די אויגן, האט ער אנגעהויבן צו קלערן און זיך זארגן איבער זיין 'יום המיתה', און צוליב דעם האט ער געלאזט רופן זיין זון עשו, און אים געוואלט בענטשן. דארף מען פארשטיין וואס איז די פארבינדונג פון אויפהערן זען צו דער יום המיתה?

**נאך** דארף מען פארשטיין די ווערטער וואס שטייט ווייטער אין פסוק (ג - ד), **'וְעַתָּה' שָׂא נָא כֵלֶיךָ תֶּלְיְךָ וְקַשְׁתֶּךָ וְצֵא הַשָּׂדֶה וְצוּדָה לִי צָיִד וגו', בַּעֲבוּר תְּבָרֶכְךָ נַפְשִׁי בְּטֶרֶם אָמוּת.** עס איז משמע פונעם פסוק, אז יצחק זאגט פאר עשו: 'וויבאלד איך קען שוין מער זען, דעריבער וויל איך דיר בענטשן'.

**דארף** מען פארשטיין וואס איז די פארבינדונג מיט דאס פאַקט אז יצחק קען שוין מער נישט זען, מיט דעם אז יצחק אבינו זאל יעצט וועלן בענטשן עשו?

**עס** ווערט געברענגט אין 'מדרש' (ילקוט רמז ק"ה), יצחק אבינו האט געבעטן דער באשעפער זאל אים געבן יסורים. ווייל דורכדעם וואס א מענטש ליידט יסורים אויף די וועלט, טוט דאס אפהיטן דער מענטש פון די מדת הדין וואס קומט נאך וואס מען גייט אוועק פון די וועלט, (עיי"ש).

**אויך** געפונען מיר אין 'מדרש' (בראשית רבה ס"ה, ה'), עטליכע טעמים פארוואס יצחק איז בלינד געווארן אויף די עלטער. **א'.** וויבאלד ער האט זיך גע'חנפ'עט צו עשו הרשע. **ב'.** וויבאלד ער האט אויפגעצויגן א קינד א רשע (עשו). **ג'.** וויבאלד ער האט ארויפגעקוקט אויף די שכינה בשעת די עקידה. **ד'.** דאס איז געקומען פון די טרערן וואס די מלאכי השרת האבן געוויינט בשעת די עקידה. (ועיי"ש עוד).

**קומט** אויס לויט דעם, אז עס פארהאן פארשידענע טעמים וואס יצחק האט געקענט טראכטן פארוואס ער איז בלינד געווארן.

**לויט** דעם קען מען ערקלערן די אויבנדערמאנטע פסוקים, יצחק אבינו האט געקלערט צו זיך, אויב וואלט איך בלינד געווארן איידער איך בין אלט געווארן, דאן וואלט איך געדארפט טראכטן פארוואס דאס פאסירט צו מיר, און איך וואלט געקענט זאגן אז דאס קומט מעגליך אלץ עונש צוליב דעם וואס עשו איז נישט ערליך וכו', און דעריבער (מחמת ספק) קומט זיך נישט פאר עשו מען זאל אים בענטשן און איז נישט ראוי צו באקומען די ברכות.

**אבער** יעצט - קלערט יצחק אבינו ווייטער - וואס דאס איז געקומען נאר נאכדעם וואס איך בין אלט געווארן, מוז זיין אז דאס איז נאר געקומען צוליב דעם וואס איך האב געבעטן ביים באשעפער ער זאל מיר געבן יסורים, (אזוי ווי עס ווערט געברענגט אינעם אויבנדערמאנטע מדרש), וואס דאס קומט צו אוועקנעמען די מדת הדין וואס קומט ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט.

**ממילא** - זאגט יצחק אבינו - דינט דאס מיר פאר א סימן אז איך דארף שוין חושש זיין אויפן יום המיתה, וויבאלד די יסורים וואס איך האב געבעטן קומט פארן יום המיתה.

**און** דאס איז אויך א ראי' אז עס קומט נישט וועגן די שלעכטע מעשים פון עשו, (ווייל אויב יא וואלט דאס געדארפט קומען פריער). דעריבער האט ער גלייך געלאזט רופן עשו און אים געזאגט, **'ועתה שא נא כליך וגו' בעבור תברכך נפשי בטרם אמות'**, די יסורים וואס איז האב יעצט באקומען איז א צייכן אז מיין יום המיתה טוט זיך דערנענטערן, און גלייכצייטיג איז דאס א ראי' אז דו ביזט דער פאסיגער צו באקומען די ברכות. (פרשתינו אות ז')

זרע שמשון

לומדים זרע שמשון



הלימוד לזכות והצלת
כל אחינו בני ישראל
יושבי ארץ ישראל
העומדים בצרה ובשביה.
המקום ירחם עליהם
ויוציאם מצרה לרווחה
ומאפילה לאורה
ולגאולה קרובה.

'קול זרע שמשון העולמי'
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה"ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
ניתן להקדיש שיעורים
לזכות לברכה ולעילוי נשמת

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לזיווג הגון | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת |
|---|---|---|---|---|---|
| צבי יצחק דוב בן גיטל חיה<br>ווזוג' מרים סאבל בת אסתר<br>ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר<br>שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים | דניאל אודי<br>בן דגי'נה מלכה<br>שיזכה לברכה והצלחה<br>ולהשלמת העסקאות בקרוב ממש | יעקב אשר<br>בן פייגא שרה<br>לזיווג הגון בקרוב ממש | עידית בת זלמן ע"ה<br>נלב"ע ט' כסלו<br>ת.נ.צ.ב.ה. | הרה"ח ר' אברהם עביד ב"ר<br>ישעיה האללענדער ז"ל<br>נלב"ע ט' כסלו תשל"ז ת.נ.צ.ב.ה.<br>הוקדש על ידי אהרן ושיינדל הולנדר הי"ו | מרת רחל לאה בת יוסף<br>הולנדר ע"ה<br>נלב"ע ט' כסלו ת.נ.צ.ב.ה.<br>הוקדש על ידי אהרן ושיינדל הולנדר |

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

עס פארציילט הרב ד. ח. הי"ו פון ירושלים תובב"א:

## די קאר ווערט פארראכן פריי פון אפצאל!

**שוין** א לענגערע צייט וואס איך האב די זכי' צו לערנען יעדן איינציגסטע טאג א שטיקל זרע שמשון צו זוכה זיין צו די געוואלדיגע הבטחה פונעם הייליגן מחבר זי"ע, אין די לעצטע תקופה האב איך באשלאסן צו מוסיף זיין נאך זכותים, דעריבער האב איך זיך אונטערגענומען צו פארשפרייטן די 'גליונות זרע שמשון', יעדן ערב שבת אין די ארומיגע בתי מדרשים אין מיין געגנט.

**אזוי** האב איך זיך געפירט יעדן ערב שבת נאך חצות, איך בין ארומגעפארן מיט מיין קאר צו אלע ארומיגע בתי מדרשים, און אראפגעלייגט די גליונות, כדי צו מזכה זיין נאך אידן מיטן לערנען די הייליגע תורות פונעם זרע שמשון זי"ע. און יעדע וואך באזונדער האב איך באקומען חיזוק פון מענטשן וואס האבן זיך שטארק באדאנקט אויף די גליונות, און דאס האט מיר געגעבן די כח צו ממשיך זיין יעדע וואך מיט א פרישקייט.

**מיט** עטליכע וואך צוריק האט זיך עפעס צעבראכן אין מיין קאר, אין אנהייב האב איך געמיינט אז עס איז בלויז א קלייניקייט, וואס דארף נישט קאסטן צו טייער צו פאררעכטן, אבער ווען איך בין אריינגעגאנגען צום מעכאניקער און ער האט אונטערגעזיכט די קאר, האט ער מיר געזאגט אז עס האט זיך צעבראכן זייער א טייערע שטיקל, און עס וועט נעמען אביסל צייט ביז ער וועט עס קענען פאררעכטן, און עס דארף קאסטן כאטשיג זיבן טויזנט שקל!

**טראץ** וואס עס איז געווען זייער א גרויסע סומע געלט, ביז נאכאלץ געווען רואיג וואוסנדיג אז איך האב א וואָרֶענְטִי (אחריות), און עס גייט מיר נישט קאסטן פון מיין טאש. אבער דער מעכאניקער האט איבערגעקוקט מיינע פאפירן און זאגט מיר איז מיט ווייניגער ווי א וואך צוריק איז מיין וואָרֶענְטִי אפגעלאפן, און אויב וויל איך עס פאררעכטן וועל איך אליינ'ס דארפן באצאלן די גאנצע סומע וואס עס וועט קאסטן.

**איך** בין געווארן זייער פארלוירן, מיט עטליכע מינוט צוריק האב איך געמיינט אז איך ברענגט אריין מיין קאר, און נאך א קורצע צייט בין איך פארטיג מיט א מינימאלע אפצאל פון אפאר הונדערט שקל, אבער יעצט זע איך אז דאס איז גאר נישט אזוי פשוט, נאכדערצו וואס עס וועט מיר קאסטן א גרויסע סומע געלט, וואס איך פאנגט נישט אן צו וויסן ווי אזוי איך וועל דאס קענען באצאלן.

**וויבאלד** איך האט זייער וויכטיג געדארפט האבן די קאר פאר מיין פרנסה, האב איך בלית ברירה איבערגעלאזט די קאר ביים מעכאניקער ער זאל עס פאררעכטן, און אים צוגעזאגט איך וועל אים באצאלן ווען עס איז פארטיג.

**ביז** דערווייל בין איך געווען זייער פארצווייפלט, איך האב נישט געוואוסט ווי אזוי איך וועל זיך אן עצה געבן צו שאפן די געלט, דעריבער ווען עס איז געקומען ערב שבת, בין איך ארומגעגאנגען פארטיילן די גליונות, און האב איך צוגעלייגט א באזונדערע תפילה און בקשה, אז יעצט דארף איך באזונדער צוקומען צו די ברכה פונעם הייליגן מחבר, צוגלייך האב איך מנדב געווען א סומע געלט פארן 'איגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון', און צוגעזאגט אז אויב וועל איך געהאלפן ווערן, וועל איך פארשפרייטן די ישועה.

**יענע** זונטאג אינדערפרי באקום איך א טעלעפאון קאל פונעם מעכאניקער - איך האב שוין גלייך געהאט מחשבות אין קאפ ווי אזוי איך וועל אים בעטן צו מאכן ביליגער די פרייז, אדער ווי אזוי איך וועל צעטיילן די פעימענט'ס - איך ענטפער די טעלעפאון און ער זאגט מיר, אז ער האט זיך איבערגעקלערט, אז וויבאלד עס איז אריבער אזוי ווייניג צייט פון ווען די וואָרֶענְטִי איז אפגעלאפן, דעריבער האט ער באשלאסן אז ער וועט דאס פאררעכטן גענצליך אומזיסט!

**פירט** אויס הרב ד. הי"ו מיט גרויס התרגשות: איך האב נישט קיין שום ספק אז דאס וואס דער מעכאניקער האט מיר צוריק גערופן און זיך פרייוויליג אנגעטראגן אז ער איז גרייט אנצונעמען די וואָרֶענְטִי אפילו אויב עס איז שוין אפגעלאפן, דאס קומט נאר פונעם כח פון דער הייליגער זרע שמשון זי"ע, בזכות דעם וואס איך בין מקיים זיין הבטחה, האט מיר דער צדיק צוריק באצאלט אויף א אויסערגעווענליכע וועג, און יעצט בין איך מקיים וואס איך האב צוגעזאגט צו פארציילן די מעשה, אז נאך אידן זאלן זיך אפלערנען און נתעורר ווערן איבער די הבטחה פונעם גרויסן צדיק זי"ע..

**אנו פונים לכל מי שזכה לישועה אנא הכירו טובה למחבר הקדוש זלה"ה ופרסמו את ישועתכם ויהי חלקכם עם מזכי הרבים ועם ריבוי הלומדים בספר המסוגל זרע שמשון.**

ניתן לשלוח את סיפור הישועה: למייל: zera277@gmail.com או להתקשר 05832-80300

או בהשארת הודעה בטל: 02-80-80-600 שלוחה 7


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברבערג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
באה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורותו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, וישפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון ע"ר 580624120